# א מעשה'לע

גליון ד'

פרשת צו תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ

"עֶפְן שׁוֹין אוֹיף דִי פֶּעסֶער, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר דָאס אַלֵיינְס עֶפֶענֶען!" הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן דִי וֶועכְטֶער, רֶבִּי דָוִד וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט אִין דִי פֶּעסֶער וַויין פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט צוּ מַאכְן דִי וַויין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע הִידוּרִים; לַאנְגֶע חֳדָשִׁים וָואס עֶר אִיז וַוייט אַוֶועק פוּן שְׁטוּב צוּ קֶענֶען מַאכְן כָּשֵׁר'עֶ וַויין פַאר זַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב.

'וָואס טוּט מֶען?' טְרַאכְט רֶבִּי דָוִד פוּן מִיקוֹלֵייֶב, 'אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דִי וֶועכְטֶער וֶועלְן דָאס מְנַסֵּךְ זַיין'; קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ אַ גוֹי רִירְט אָן וַויין - וֶוערְט דָאס יַיִן נֶסֶךְ, עֶס וֶוערְט אָסוּר צוּ טְרִינְקֶען, מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְגִיסְן; 'וָואס טוּ אִיךְ דָא?' רֶבִּי דָוִד טְרַאכְט וָואס צוּ טוּן, דִי



”אוֹי וֵויי, עֶס אִיז גֶעוָוארְן יַיִן נֶסֶךְ!”

וֶועכְטֶער שְׁרֵייֶען אוֹיף אִים: "עֶפְן שוֹין דִי פֶּעסֶער אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר דָאס אַלֵיינְס עֶפֶּענֶען!" דִי וֶועכְטֶער לוֹיפְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן וָואגְן, זֵיי עֶפֶּענֶען דִי פֶּעסֶער אוּן לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶרע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן מְנַסֵּךְ גֶעוֶוען דִי וַויין!

רֶבִּי דָוִד קוּמְט אָן קַיין מֶעזֶעבּוּז, עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, וָואס אִיז דָאס? פַארְוָואס הָאט דָאס פַּאסִירְט? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי לַאנְג גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ מַאכְן וַויין פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ דָאס אַלֶעס אַוֶועקְגִיסְן!" רֶבִּי דָוִד וֵויינְט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִים: "הָאסְט טַאקֶע גֶעמַאכְט דִי וַויין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים, מִיט אַלֶע כַּוָונוֹת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעטוּן, אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן, הָאסְט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיידֶער דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי נְסִיעָה צוּ מַאכְן דִי וַויין וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ פָאר יֶעצְט מַאכְן וַויין פַאר מַיין רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף דִי וַויין זָאל אוֹיסְקוּמֶען גוּט, מַיין רֶבִּי זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם'".

דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מוֹהֲרֹא"שׁ דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן תְּפִילָה אִיז מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ; אֲפִילוּ מֶען פְלָאגְט זִיךְ, מֶען טוּט אַלֶעס אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אוֹיבּ פַארְגֶעסְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

צו הערן די מעשה פארציילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

צְדָקָה - חלק א'

לב. עַל יְדֵי צְדָקָה יִהְיֶה לְךָ בָּנִים, וְיִהְיֶה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם.

לב. אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועסְטוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי.




קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com